ספרים, ווי געברענגט דורכ'ן חיד"א זצ"ל[16], און הגר"י פאלאגי[17] זצ"ל[18]. דעריבער, אויב סימאכט זיך אז ס'איז נישט דא דער חשש פון עין הרע, למשל, ווען מען רופט נישט איינעם ביי אט דעם נאמען, איז נישט דא דער פראבלעם.

ג) כיבוד אב ואם. - דאס איז דער מיינונג פון הגאון ר' יוסף שאול נאטנזאהן זצ"ל אבד"ק לעמבערג[19], וועלכער שרייבט אז ס'איז אוממעגליך אז מ'זאל זיך נישט רופן איינער דעם אנדערן מיט'ן נאמען, וואס איז געגוי ווי די עלטערניס, און דאס איז דאך אסור, ווי גע'פסק'נט אין שלחן ערוך[20]: 'לא יקראנו בשמו, לא בחייו ולא במותו'. פון דעם קומט אויס, אז דער איסור גייט אַן אויך נאך די פטירה פון די עלטערן! הג"ר אלי' גוטמאכער זצ"ל אבד"ק גריידיץ האט אבער געטראפן א לעזונג דערצו[21], אז דאס פארפאלק מוז אויף זיך מקבל זיין זיך נישט צו רופן איינער דעם אנדערן ביים נאמען אינים אנוועזנהייט פון די עלטערן, דעמאלטס קען מען מתיר זיין אפילו ווען די עלטערן לעבן נאך.

ד) מכבדו לאחר מותו. - ס'זענען דא וואס צייכענען צו נאך א נקודה פון כיבוד אב ואם, אז לאחר מאה ועשרים וועט מען נישט מקיים זיין דעם 'מכבדו במותו', א נאמען געבן די געבוירענע קינדער נאך די עלטערן לאחר מאה ועשרים. ווידער מצד שני, אויב ווילן די עלטערן מוחל זיין אויף אט דעם כבוד, ווי דער דין לויטעט אז 'אב שמחל על כבודו, כבודו מחול'[22], וועט אויסקומען אז ס'איז נישט דא קיין פראבלעם.

האימיר שוין עטליכע אופנים ווי אזוי מען קען זיך ארויסדרייען פון דעם פראבלעם.

עס איז אבער דא נאך אן אופן. ס'איז למעשה נישט 'נאך אן אופן', נאר ס'איז נאר פשוט נישט שייך דעמאלטס. דאס איז, ווען כאטש איינער פון די צוויי, דער שווער אדער דער איידעם, האט מעהר ווי איין נאמען[23].

פארוואס איז טאקע דעמאלטס מעהר נישט דא דער חשש?


מהדורא בתרא
לספר
נחלת שבעה
אשר חיבר בעל הספר בעצמו ה"ה הרב הגדול מוה"רר שמואל בן הר"ר דוד משה הלוי אשר כבר נודע בשערים שמו וטבעו בספרו הנ"ל:
הובא לבית הדפוס ע"י האלוף כמר אפרים בן מה"רר יונה מקק טרלי כי אותו ראה המחבר צדיק לפניו: וישר וכשר הוא בעיניו: כי באמונה כל משאו ומתנו: והוא אחד מבני בית דינו:
שנת אמת מארץ תצמיח לפ"ק

שער-בלאט פון ספר 'נחלת שבעה'

## צוויי נעמען

אין די היינטיגע צייטן, איז נישט אזוי מצוי ווי אמאל צו טרעפן איינעם וואס טראגט בלויז איין איינציגן נאמען. אויב דרייען מיר צוריק דעם זייגער מיט א קנאפע דריי הונדערט יאהר, איז געווען פונקט קאפויער, צו געפונען איינעם מיט צוויי נעמען איז נישט געווען א דבר שבשגרא, ווייל מ'האט בדרך כלל געהאט בלויז איין נאמען, אפשר א כינוי אויך, אבער דאס איז עס.

אייער מח הייבט אודאי שוין אָן פיבערן, וואס הייסט? עס זענען דאך געווען אזויפיהל באקאנטער גדולי ישראל מיט צוויי נעמען: דער אפטער רב, דער בארדיטשובער רב, דער רבי פון לובלין, דער ראפשיצער רב, און נאך און נאך, און אז מ'גייט צוריק נאך א הונדערט - צוויי הונדערט יאהר, זענען דא דער מהרש"א, דער בעל ברכת הזבח, דער כלי יקר, אין די ליסטע גייט ווייטער...

אבער לאמיר גיין צוביסלעך, און אנהייבן פון אנהייב. אז מ'עפנט א תנ"ך און מ'זוכט, וועט מען נישט געפונען קיינעם מיט צוויי נעמען! אפילו ווען יעקב אבינו האט באקומען זיין נייע נאמען 'ישראל', איז עס געגאנגען מיט'ן צוגאנג פון 'לא יקרא שמך עוד יעקב, כי אם ישראל יהי' שמך, ויקרא את שמו ישראל'. עס איז געווען 'יעקב', אדער 'ישראל' - ער האט נישט געהייסן 'יעקב ישראל'.

אזוי אויך טרעפט מען נישט קיין שופטים, נביאים, אנשי כנסת הגדולה, תנאים, אמוראים, גאונים, אדער אפילו ראשונים, וואס זאלן טראגן צוויי נעמען[24].

16 ברית עולם סי' תע"ז.

17 עס ליינט זיך: פאַלאַטשי.

18 יפה ללב אבן העזר סי' ס"ב, אות י"א.

19 הגהות יד שאול, על שו"ע יורה דעה סי' ר"מ.

20 יורה דעה סי' ר"מ סעיף ב'.

21 הובא בשם ספרו דבר אלי', בצוואת ריה"ח המפואר הנ"ל.

22 קידושין ל"ב ע"א.

23 ווען מ'האט דעם שרייבער פון די שורות גערעדט זיין שידוך, וואס די שם הכלה איז כשם אמו תחי', אבער ביידע האבן צוויי נעמען, האט מען פארגעלייגט די שאלה פאר כ"ק מרן רבינו זצ"ל, און דער רב זכרונו לברכה האט עס אוועקגעמאכט בשתי ידים (ס'איז געווען בשנת 'קול דממה דקה ישמע' [תש"ס] לפ"ק).

24 ועי' בשו"ת נודע ביהודה מהדו"ת או"ח קי"ג.

## הרב ר' יעקב ישראל מבעלי התוספות

מיר האבן געשריבן, איז בימי הראשונים זעהען מיר נישט אז מ'זאל האבן געטראגן צוויי נעמען. מיר געפונען אבער יא איינעם, א תלמיד פון רבינו תם, הרב ר' יעקב ישראל, וועלכער ווערט עטליכע מאהל דערמאנט אין תוספות - יומא (מו:), כתובות (צח:), און חולין (קיב.).

לכאורה, נעמענדיג אין באטראכט אז ער איז ממש א יחיד בדורו מיט צוויי נעמען, איז שטארק מסתבר צו זאגן אז זיין נאמען 'ישראל' איז געוועהן א כינוי צו זיין נאמען 'יעקב', ווייל די צוויי נעמען האבן דאך א שייכות איינעם מיט'ן צווייטן. אדער איז מעגליך, אז ס'איז נשתנה געווארן שמו מחמת חולי, הגם מען געפונט נישט אזא זאך אין יענע תקופה, נאר הערשט שפעטער.

דאס איז נישט קיין צופאל, נאר מ'האט דייקא נישט געגעבן קיין צוויי נעמען. ס'איז באקאנט דער עפיזאד וואס דער מהרש"ל ברענגט[25] פונ'ם ספר מהרי"ל, וואו ער דערציילט: 'צו מיין זיידן הר"ר מנחם ציון, איז געבוירן געווארן א זוהן. מיין זיידנ'ס פאטער האט געהייסן מהר"ר מאיר, און זיין שווער האט געהייסן מהר"ר אורי. האט זיך געמאכט א חילוקי דיעות צווישן ר' מנחם ציון און זיין בני בית, נאך וועמען מ'זאל א נאמען געבן, יעדער האט געוואלט געבן נאכ'ן פאטער. איז מען געקומען צו א פשרה, און מען האט א נאמען געגעבן דעם רך הנימול 'שניאור', וואס באדייט שני או"ר, **מאיר** איז מלשון אור, און **אורי** איז מלשון אור'.

ווען מען וואלט נישט מקפיד געוועהן נישט צו געבען צוויי נעמען, וואלט מען דאך געקענט א נאמען געבן 'מאיר אורי'. אבער ניין, דאס איז נישט געוועהן קיין לעזונג, ווייל מען געבט בלויז איין נאמען! ('ציון' איז ווארשיינליך געוועהן דער משפחה-נאמען פון זיין זיידן).

איי, דער מהרש"א, האט ער דען נישט געהייסן רבי שמואל אליעזר? וואס איז מיט'ן בעל ברכת הזבח, האט ער דען נישט געהייסן רבי שמואל אהרן? און דער כלי יקר האט דאך געהייסן רבי שלמה אפרים? דער תירוץ איז גאנץ א טרוקענער. ניין, זיי האבן נישט געהאט קיין צוויי נעמען. דעם מהרש"א האט מען ביים ברית א נאמען געגעבן בלויז 'שמואל', דעם ברכת הזבח - 'אהרן', און דעם כלי יקר - 'אפרים'. אלע אנדערע נעמען זענען זייערע 'נייע' נעמען!




שער-בלאט פון ספר 'כלי יקר'

וואס מיינט דאס 'נייע' נעמען? היינט ווייסט מען, אז ווען איינער איז רח"ל שטערבליך קראנק, איז דא א סגולה צוצולייגן א נאמען. דער מנהג איז אבער גאנץ ניי, און ארגינעל האט מען נישט **צוגעלייגט**, נאר **געטוישט** דער נאמען, ווי עס הייסט 'שינוי השם' און נישט 'הוספת השם'.



חתימת יד קדשו פון הגאון רבי ר' העשיל זצ"ל פון קראקא

לאמיר איבערגעבן דאס ווארט, פאר דעם באקאנטן און בארימטן גדול, הגאון ר' אפרים זלמן מרגליות זצ"ל פון בראד[26]: 'יראה זה חדש בימינו' - זעה נאר עפעס ניי אין אונזערע טעג. אין די פריערדיגע דורות איז נישט געוועהן צו געפונען עמיצן וואס זאל ווערן גערופען מיט דאפלטע נעמען, בלויז אפשר איינס פון טויזנט... זעה אין ספר נחלת שבעה (מהדורא בתרא), אז דער מהרש"א, דער עוללות אפרים און דער ברכת הזבח וועלכע האבן זיך אונטערגעשריבן מיט צוויי נעמען, איז דאס געוועהן צוליב דעם וואס מ'האט געטוישט זייערע נעמען צוליב א קראנקהייט'[27].

דער צווייטער נאמען פונ'ם מהרש"א, 'אליעזר', איז

25 ים של שלמה עמ"ס גיטין פ"ד.

26 בהקדמתו לספר טיב גיטין.

27 וראה גם בשו"ת חתם סופר אהע"ז ח"ב סי' ל"ח.

געוועהן א 'נייער' נאמען. ווי פריער דערמאנט, האט דאך דער מהרש"א אליינס מעיד געוועהן, אז דער נאמען 'שמואל' האט אים זיין פאטער געגעבן. דאס הייסט, אז טעכניש ווען מ'האט געטוישט זיין נאמען צו 'אליעזר', איז זיין נאמען בלויז געוועהן אליעזר. דאס וואס מ'האט זיך נאך אלס באנוצט מיט ביידע נעמען, איז געוועהן ווייל מענטשן האבן דאך נאך נישט געהאט קיין פאמיליע נעמען, האט מען געמוזט נוצן דעם אלטן נאמען פאר אידענטיפיקאציע. בקיצור, מחמת א שינוי השם, האט עס געהייסן אז דער נאמען 'שמואל' איז אראפ פון אים, און מהיום והלאה איז זיין נאמען געוועהן בלויז 'אליעזר'.



חתימת יד קדשו פון הרה"ק בעל אוהב ישראל זצ"ל פון אפטא

דער עוללות אפרים שרייבט אין די הקדמה צו זיין ספר כלי יקר: 'איך בין יעצט אריינגעפאלן אינים קראנקנבעט עטליכע וואכן, ביז מ'האט מיר צוגעלייגט דעם נאמען 'שלמה', און מיט'ן אייבערשטנ'ס רחמנות האט ער מיך ארויסגענומען דערפון...'

דער נחלת שבעה, דארט וואו ער שמועסט ארום וועגן עמיצן וואס מ'טוישט זיין נאמען, וועלכן נאמען מען זאל שרייבן פריער, דער נייער נאמען אדער דער אלטער, ברענגט טאקע צו דאס אויבנדערמאנטע, שרייבנדיג: 'ראיתי לגדולי חכמי זמנינו מקרוב לזמנינו', אז זיי האבן נישט געהאט קיין פולשטענדיגע הסכמה דערין. 'הגאון מהר"ר שמואל אידלש', האט זיך אונטערגעשריבן 'שמואל אליעזר' - מיט'ן אלטן נאמען ערשט, 'הגאון בעל כלי יקר', האט זיך אונטערגעשריבן 'שלמה אפרים' - מיט'ן נייעם נאמען ערשט, און 'הגאון מהר"ש קאיידינאוור' האט מיר דעציילט, אז דער נאמען ביי זיין ברית איז געוועהן 'אהרן', און צוליב א קראנקהייט איז זיין נאמען געטוישט געווארן צו 'שמואל', און ער שרייבט זיך אונטער 'אהרן שמואל'.

ווען אלע וואלטן זיך אונטערגעשריבן אויפ'ן זעלבן אופן, וואלטן מיר זיך לייכט געקענט דערגרונטעווען וועלכער נאמען עס איז דער ארגינעלער און וועלכער עס איז דער נייער, אבער ווי דערמאנט, איז דאס נישט געוועהן מוסכם. דאך האבן מיר א שטיקל עצה זיך דאס צו דערוויסן.

דער סדר פון טוישן א נאמען איז געוועהן, ווי הגאון ר' אפרים זלמן מרגליות זצ"ל שרייבט אויף אן ארט[28], אז מען האט אפירגעברענגט א חומשי'ל אדער א תנ"ך, און מען האט עס געגעבן אן עפען אויף. דעם ערשטן נאמען וואס מען האט באגעגנט, איז געוועהן דער נאמען וואס מען האט צוגעלייגט.

דאס ברענגט מיט זיך עטליכע אינטערסאנטע פאקטן: 1) דער נאמען וועט אלעמאל זיין א נאמען פון תנ"ך. 2) ס'קען צומאל זיין א קאמישער נאמען, וואס נארמאלערהייט באנוצט מען זיך איבערהויפט נישט מיט זיי, א שטייגער ווי נח; מנוח, זבולון, כָּלֵב, וכדומה... 3) זעהר אסאך מאהל געפונען מיר אז מ'האט צוגעגעבן דעם נאמען 'משה', וואס ווערט געהאר אסאך דערמאנט אין חומש. 4) א טאטע מיט א זוהן קענען טראגן דעם זעלבן נאמען. הגם מען געבט נישט א קינד דעם זעלבן נאמען פון א טאטן בחיים, געפונען מיר אבער, אז ביים טוישן א נאמען איז דער כלל נישט געוועהן גילטיג.


ספר

חותם יהוד

לפרט אות ברית קודש לפ"ק

נדפס פה ק"ק פרנקפורט דאדרא

שער-בלאט פון ספר 'חותם הוי"ה'

דערמיט ווערט פארענטפערט אן אינטערסאנטע פראגע וואס מיר האבן אמאל געהערט פרעגן. הרה"ק בעל אוהב ישראל זצ"ל מאפטא האט געהייסן 'אברהם יהושע העשיל', נאך זיין זיידן הגאון רבי ר' העשיל זצ"ל פון קראקא. לכאורה איז א פלא, אלע אנדערע אייניקלעך וואס האבן געהייסן נאכ'ן רבי'ן ר' העשיל פון קראקא, האבן בלויז געהייסן 'יהושע העשיל', א שטייגער ווי הגאון ר' יהושע העשיל זצ"ל אבד"ק טארלי[29], ווילנא[30], ועוד ועוד. נו,

---

28 שמות אנשים, מערכת י' סעיף ט', ומציין שם לספר חינוך בית יהודה - והוא שם בסי' קל"ט השני, הנמצא [משום איזה סיבה בלתי ידוע לנו] אחרי סי' ק"מ.

29 בן הג"ר יששכר בער זצ"ל מקראקא, בן הרבי ר' העשיל זצ"ל.

30 בן הג"ר שאול זצ"ל מקראקא, בן הרבי ר' העשיל זצ"ל.

פארוואס עפעס האט בלויז דער אפטער רב געהייסן '**אברהם**' יהושע העשיל?

דער אויבערפלעכליכער תירוץ איז, אז מען האט שפעטער געטוישט דעם נאמען פונ'ם רבי ר' העשיל זצ"ל, און סוף ימיו געפונען מיר זיין אונטערשריפט 'אברהם יהושע העשיל'![31] איז דאך שוין לכאורה גארנישט שווער. אבער דאן וועט שווער ווערן, אויב אזוי, פארוואס האבן די אנדערע אייניקלעך פונ'ם רבי ר' העשיל בלויז געהייסן 'יהושע העשיל'?

דער ריכטיגער תירוץ איז, אז ווען מ'האט א נאמען געגעבן אן אייניקל נאך א זיידן וואס מען האט געטוישט זיין נאמען, האט מען בלויז געגעבן דעם ארגינעלן נאמען וואס דער זיידע האט באקומען ביי זיין ברית.

לאמיר נעמען אלס ביישפיל, דעם מהרש"א. מיר ווייסן, אז זיין ארגינעלער נאמען איז געוועהן 'שמואל', און 'אליעזר' האט מען אים שפעטער צוגעלייגט. אין ספר חותם יי"י (פפד"א תק"ג), דף ה' ע"א, ווערט געברענגט אן עובדא, וועגן דעם פארצייטישן מנהג אז א מוהל האט זיך געטיילט זיין עבודת הקודש מיט א צווייטן מוהל, איינער איז געוועהן 'מוהל' און דער צווייטער האט געמאכט 'פריעה'. וואס טוט מען אבער ווען דער ברית פאלט אויס שבת קודש? שרייבט ער, 'בדידי הוא עובדא, ביי מיין זוהן 'שמואל', וואס כ'האב אים א נאמען געגעבן נאך דעם מהרש"א, ווייל ער איז פון זיינע אייניקלעך, ה' יאריך ימיו, און די מילה איז געוועהן אין שבת. 'כבוד הגאון אב"ד דקהלתנו' איז געוועהן דער מוהל, און דאכט זיך אז מ'זאגט נאך, אז ווען דער מהרש"א איז געוועהן דער רב דא אין לובלין האט ער אזוי גע'פסק'נט הלכה ולמעשה, אז ס'זאל בלויז זיין איין מוהל און נישט צוויי'. - על כל פנים זעהט מען, אז ער האט א נאמען געגעבן בלויז 'שמואל', נאכ'ן זיידן דער מהרש"א.

אויך הגאון בעל ברוך טעם זצ"ל, האט געהייסן נאך זיין זיידן הגאון ר' ברוך כהנא ראפאפורט זצ"ל אבד"ק פיורדא, וואס סוף ימיו האט מען געטוישט זיין נאמען. אין זיינע פילצאליגע חתימות, שרייבט ער זיך אונטער בלויז מיט'ן נאמען 'ברוך', און הערשט אויף זיין מצבה[32] געפונען מיר זיין נאמען 'אברהם ברוך', וואס מען האט ווארשיינליך צוגעגעבן בסוף ימיו.



אנגעבליכע צייכענונג פון הגאון ר' ברוך ראפאפורט זצ"ל פון פיורדא ביים געבן א שיעור

דאס זעלבע איז געוועהן מיט'ן אפטער רב זכרונו לברכה. ער האט טאקע געהייסן נאכ'ן זיידן דער רבי ר' העשיל זצ"ל, אבער ער האט תחילת בלויז געהייסן 'יהושע העשיל', נאר מ'האט אים הערשט שפעטער צוגעלייגט דעם נאמען 'אברהם', ווארשיינליך מחמת חולי. ווי עס ווערט געברענגט אין זיין שטר תנאים, וואס איר נוסח האט וואונדערליך איבערגעלעבט עד היום הזה[33], און דערינען שטייט זיין פולקאמער נאמען 'החתן המופלג בחור חשוב, כ"מ יושיע העשיל'!

אט דאס פארשטערקערט נאך מעהר דעם יסוד, אז מ'האט אמאל איבערהויפט נישט געגעבן קיין צוויי נעמען.

נאך אן אינטערסאנטע זאך. אין שלחן ערוך[34] ווערט גע'פסק'נט, אז ווען מ'לייגט צו א נאמען צו א מענטש מחמת חולי, קומט דער נייער נאמען ערשט. אויך די גדולי ישראל וואס האבן געטראגן מעהר ווי איין נאמען, האט מען זיי גערופען מיט 'איינע' פון די נעמען, און בדרך כלל האט מען זיי גערופען מיט'ן 'צווייטן' נאמען, דהיינו דעם ארגינעלן נאמען, צום לעצט.



חתימת יד קדשו פון הגאון ר' ברוך ראפאפורט זצ"ל פון פיורדא

נעמט למשל הרה"ק ר' יעקב יצחק - דער רבי פון לובלין זצ"ל. אין זיין יוגנט פלעגט מען אים רופן 'רבי איציקל לאנצוטער', און דער נאמען 'יעקב' איז ווארשיינליך שפעטער צוגעקומען. הוא הדבר מיט הרה"ק ר' אשר'ל ראפשיצער זצ"ל, וועלכער האט געהייסן 'רבי אשר ישעיה', און זיין איידעם - אינ'ם ספר שפת אמת - שרייבט זיין נאמען 'רבי ישעי' אשר'. מאי האי? ווייל 'אשר' האט ער דאך געהייסן נאך זיין זיידן הגאון ר' אשר זצ"ל פון נאראל, און דער נאמען ישעי' איז שפעטער גאנץ זיכער צוגעלייגט געווארן. דערפאר איז ער נאר באקאנט מיט בלויז איין נאמען 'רבי

31. כן חתם שמו על שלחן ערוך מהדורת אמשטרדם שנת תל"א לפ"ק.

32 נדפס ב'הישיבה הרמה בפיורדא' ח"א עמוד 434.

33 נדפס בספר 'אגרות האוהב ישראל' (ירושלים תש"ס) עמוד ז'.

34 אבן העזר סי' קכ"ט, סעיף י"ח: 'מי שנשתנה שמו מחמת חולי, אף על פי שקורין אותו תמיד בשם ראשון, מכל מקום שם השינוי עיקר, וכותבין אותו קודם'.

אשר'לי, און דעריבער געפונען מיר צוויי וועגן ווי אזוי מען שרייבט זיין נאמען. אזוי אויך דעם צאנזער רב'ס שווער (בזיווג שלישי) - הרה"צ ר' הירש'לי טארנער זצ"ל, וועלכער האט געהייסן 'רבי יחיאל צבי', זעהט מען אויף זיין חתימה בימי נעוריו, ווי ער שרייבט זיך אונטער בלויז 'צבי'.

אין ספר שבחי בעל שם טוב, ווערט דערמאנט איין איינציג מאהל דער נאמען פון בעל שם טוב'ס שווער - 'רבי אברהם'. אבער אז מ'קוקט אין אלע ספרי התולדות, זעהט מען אז דער פאטער פון הרה"ק ר' גרשון קיטובער זצ"ל האט געהייסן רבי אפרים. וואס איז דא געשעהן? ובכן, די חוקרים האבן געזעהן אז ר' גרשון האט זיך אונטערגעשריבן 'אברהם גרשון', און דער טאטע זיינער האט דאך געלעבט יאהרן נאך זיין געבורט, ווייל ער האט דאך געקליבן דעם בעל שם טוב זי"ע אלס זיין איידעם. האבן זיך די פארשער געטראפן מיט א דיעלעמע - 'אברהם בן אברהם'?! דערפאר האבן זיי פארטוישט אברהם צו אפרים, מיט'ן חשבון, אז ר' גרשון קיטובער האט דאך געהאט א זוהן מיט'ן נאמען אפרים, און דער בעל שם טוב האט געהאט אן אייניקל הרה"ק בעל דגל מחנה אפרים זצ"ל. אבער לפי דברינו איז גארנישט שווער. דער נאמען 'אברהם' האט מען שפעטער צוגעלייגט צו רבי גרשון קיטובער, מעגליך בחיי אביו און מעגליך שפעטער. אבער דאס אז מ'האט אים גערופען מיט'ן נאמען 'גרשון', איז א ראי' אז דער נאמען 'אברהם' איז שפעטער צוגעקומען.



די מצבה פון הגאון ר' ברוך רפאפורט זצ"ל פון פיורדא (גענומען פון ספר 'הישיבה הרמה בפיורדא' ח"א עמוד 434)

לפי הנ"ל קען מען אפשר זאגן, אז דאס זעלבע איז מיט'ן נאמען פון הרה"ק בעל קדושת לוי זצ"ל. דעם בארדיטשובער רב'ס נאמען 'לוי', וואס איז א זעלטענער נאמען מצד אחד, ומצד שני א נאמען פון תנ"ך, האט מען אים צוגעגעבן אין זיין יוגנט.

ווען האט זיך אנגעהויבן די עפאכע פון צוויי נעמען? ווי דערמאנט, שרייבט הגאון ר' זלמן מרגליות זצ"ל פון בראד, אז עס האט זיך אנגעהויבן בימיו. טאקע אין זיין אויבן דערמאנטן ספר, האט ער א גאנץ חלק, געווידמעט צו די נייע ערשיינונג - 'שני שמות מעריסה'. א נייע טעמע, פארלאנגט אז מ'זאל שרייבן די הלכות ווי אזוי מען זאל זיך אומגיין דערמיט, אין פארשידענע אומשטעדן.

דאס ענין איז אבער נישט בלויז נשתנה געווארן ביי אונז בני אשכנז. מיר געפונען, אז אין די זעלבע תקופה האט זיך עס אויך אנגעהויבן צו פארשפרייטן אינ'ם איטאליענער חדר. אין ספר עיקרי הד"ט, פון הגאון ר' דניאל טירני זצ"ל[35], ברענגט ער א שמועס ווי פאלגנד: 'אין אן ארט וואו מען פיהרט זיך צו געבן א נאמען דאס ערשטע קינד נאך דעם פאטער'ס זייט, אבער די פרוי וויל אז מען זאל א נאמען געבן נאך איר פאטער, און דער מאן וויל נאכגעבן צוליב שלום בית, 'העלה הרב', אז וויבאלד עס קומט זיך אים, זאל מען נישט משנה זיין, ווייל עס וועט דערפון ארויסקומען א 'מיעוט כבוד' צו זיין פאטער. אבער אויב זי עקשנ'ט זיך, זאל ער רופען דאס קינד מיט 'ביידע' נעמען, 'כדרך כמה בני אדם, שכופלין שמות בניהן ובנותיהן'.

דער 'הרב' וועמען ער דערמאנט, איז הגאון ר' אברהם מיוחס זצ"ל. אים האט מען אנגעפרעגט אט די שאלה, און עס ווערט געברענגט אין זיין ספר שדה הארץ[36], אבער פון זיין לשון איז נישט משמע אז מ'האט דאס קינד טאקע געגעבן צוויי נעמען. ער פסק'נט, אז דער טאטע זאל א נאמען געבן [ביים ברית] נאך זיין פאטער, און ער פיהרט אויס, 'ואם אשתו תקרא שם בנה בשם אבי', מפני השלום גם הוא יקראנו בשם אבי'[37], אבער ער פיהרט אויס, 'ומה בכך, כי כמה בני אדם נותנין ב' שמות לכל בן ובן'.

ער לייגט צו אן אומבאקאנטע ידיעה: 'כי כן שמענו בשם הרב החסיד ז"ל[38] שאמר, שמי שבניו מתים בר מינן, שיקרא לשם הנולד לו שני שמות, כי הוא מסוגל שיתקיים'.

אצינד לאמיר זיך צוריק ווענדן צו אונזער טעמע. ווי אזוי באהאנדלט מען דעם נאמען פון איינע וואס טראגט צוויי נעמען, אין א פאל פון 'כלה וחמותה'?

הגאון ר' אפרים זלמן מרגליות זצ"ל שרייבט אין זיין מערכה 'שני שמות מעריסה' סעיף א', 'מי שניתן לו שני שמות מעריסה, ונקרא בהם, ועולה לספר תורה וחותם בהם, כגון 'אברהם יצחק' או 'שרה רבקה', וכיוצא בו, אין

35 הלכות הסכמת והתקנות סי' כ"ו אות ז'.

36 (ליוואקנא תקמ"ח) חלק ג' סי' כ"ב.

37 אינם מקור שטייט "אביו" אבער עס שיינט צו זיין א טעות דמוכח.

38 ס'איז אונז נישט באקאנט צו וועמען ער באציהט זיך דא.

לכתוב דמתקרי ביניהם׳. ער צייכנט צו דעם טעם, ׳דין זה פשוט, דכיון שנקרא ועולה וחותם בשניהם ׳**שם חד הוא**׳, ודמתקרי לא יבוא ביניהם, ואם כותב דמתקרי, מורא להדיא ששמות חלוקים הם, שנקרא פעם כך ופעם כך׳.

## נדב און אביהוא

אינים דערמאנטן ספר שדה הארץ, ברענגט ער צו גאהר אן אינטערעסאנטע סיבה פארוואס נדב און אביהו זענען אזוי טראגיש נסתלק געווארן יונגערהייט.

׳שמעתי מפי מורי ורבי המאיר עיני חכמים, הרב המופלג בעל ספרי פרי הארץ בשם חז״ל, כי ב׳ בני אהרן, הם נדב ואביהוא, נקראו על שם אביהם דאהרן הכהן ואשתו אלישבע בת עמינדב. ונדב נקרא בשם אבי אמו, עמי - נדב, ואביהוא על שם אביו של אהרן, ורצה לומר אבי - הוא, ונענש, ומתו גם שניהם על כמה סיבות כמו שאמרו ז״ל, ואם על מעשה העגל שעשה אהרן דכתיב ובאהרן התאנף ה׳ וכו׳, וגם כי שינה את סדר שמותם[39]׳.

לעניננו שטעלט זיך ארויס, אז איינער וואס האט צוויי נעמען, האט אין אמת'ן אריין בלויז ׳איין נאמען׳ - ׳שם חד הוא׳, נאר דער ׳איין נאמען׳ פארמאגט ׳טעכנישע׳ צוויי ווערטער. דעריבער קומט דער ענין פון שם כלה וחמותה איבערהויפט נישט אהער דא, ווייל ס׳איז בכלל נישט דער זעלבער נאמען.

הגם סיקען זיך צומאל מאכן זייטיגע עניינים וואס קענען יא ארויפברענגען דעם פראבלעם, ווי צום ביישפיל, אויב ביידע האבן טאקע נאך נעמען, אבער למעשה רופט מען זיי ביידע מיט'ן זעלבן נאמען.

נו, וויל זיך פרעגן, אויב לייגט מען צו א נאמען צו א נאמען, למשל, אויב רבי יצחק וועט א נאמען געבן נאך זיין פאטער אברהם, אבער משום איזה סיבה שהוא לייגט ער אויך צו נאך א נאמען, ער געבט זיין זוהן א נאמען ׳אברהם יעקב׳, און אויב זענען דאס צוויי אנדערע נעמען, קומט דאך אויס אז דער זוהן הייסט גארנישט נאך זיין זיידן?

אבער ס׳איז נישט ריכטיג, ווייל דאס געבן א נאמען נאך איינעם מוז נישט זיין געגוי במלוא מובן המילה. אין בית שמואל סי׳ קכ״ט, ביים נאמען ׳אברהם׳, ווערט דערמאנט אן אינטערעסאנטער עפיזאד בשם דעם מהרש״ל: אברהם - כן יש לכתוב מן הסתם, שכולם נקראים על שם אברהם אבינו, שאמר הקב״ה ולא יקרא עוד את שמך ׳אברם׳ והי׳ שמך ׳אברהם׳. וכתב מהרש״ל, אם לא שיש בקבלה, שאותו משפחה נקראו בשם ׳אברם׳ על איזה סיבה. כי לפעמים אביו חי, ונקרא ׳אברהם׳, ושם אבי אשתו גם כן ׳אברהם׳, ומת, ורוצה לקרות בנו אחריו, לכן נקרא שמו ׳אברם׳.

איר זעהט ווערטער? דער טאטע און שווער הייסן ביידע אברהם, און דער שווער איז נפטר געווארן, וויל מען א נאמען געבן אברהם, אבער זיין פאטער לעבט. וואס טוט מען? ויקרא שמו בישראל ׳אברם׳[40]. נו, אויב איז ׳אברם׳ נישט ׳אברהם׳, הייסט ער דאך נישט נאכ'ן זיידן, ווידער אויב איז עס יא גליך, ווי אזוי קען מען געבן דעם נאמען בחייו פונ'ם אנדערן זיידן?


ספר
שדה הארץ
נדפס בליוורנו יע״א
בדפוס השותפים
הה״ם כמוה״ר אברהם יצחק קאשטילו נ״ה
והכספי ל כמוה״ר אליעזר סעדון נ״ה

שער-בלאט פון ספר ׳שדה הארץ׳

זאגט אונז דער מהרש״ל, אז ׳אברם׳ איז ׳אברהם׳, נאר עס איז געגוג אנדערש, אז ס׳זאל נישט הייסן אז ער געבט א נאמען ׳אברהם׳ בחיי אביו. זעהען מיר, אז דער נאמען מוז נישט זיין הונדערט פראצענט גלייך. דעריבער איז גאנץ פשוט, אז אפילו ווען מען לייגט צו א נאמען, צו אפילו ווען מען געבט נאר א חלק פון א נאמען, הייסט עס דאך קרוי׳ על שמו.

מיר וועלן ענדיגן מעין הפתיחה, אז דאס געשריבענע איז נאר להרחיב את היריעה, אבער מען זאל זיך נישט ארויסלערנען פון דעם למעשה, נאר יעדער זאל זיך פיהרן כפי שקיבל מאבותיו, און זיך שואל עצה זיין לגבי יעדן ענין. ●

39 עי׳ בקובץ ׳צפונות׳ גליון י״ז עמוד ק׳, במכתבו של הר״ר נחום בראנזניק שיחי׳ מירושלים עיה״ק, מקור קדום לדבר זה.

40 מען זאגט עס נישט ווי אין פרשת לך לך, נאר ווי מען רופט אלע ידידים וואס הייסן אברהם, און מען רופט זיי ׳אבראם׳.